# פֿערטער טייל

אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך באַוויזן דער לאַגער-קאָמענדאַנט אויף זײַן מאָטאָציקל און אַזוי ווי ער האָט אונדז נאָר דערזען איז אים פֿינסטער געוואָרן פֿאַר די אויגן. נאָר גוט וואָס ער איז איצט געקומען, ווען נישט וואָלט ער מער נישט געהאַט צו וואָס צו קומען. ער וואָלט געוואָרן אויס קאַפּעליוש-מײַסטער, ווי איטשע האָט געזאָגט, אויס לאַגער-קאָמענדאַנט. דערזעענדיק, אַז ר'האָט שוין באַלד נישט קיין מענטשן, איז ער געוואָרן אַזוי ווילד, אַז ער האָט גלײַך אָפּגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט און מיטן רעוואָלווער אין האַנט אָנגעהויבן צו דראָען, מאַכן גוואַלדן, נישט בלויז אויף אונדז העפּטלינגען, נאָר אויך אויף די וואַכמענער און אפֿילו אויפֿן אונטערשאַרפֿירער.

ספּעציִעל האָט ער געהאַט טענות צו די פֿראַנצויזן: ״איר פֿאַרפֿלוכטע פֿראַנצאָזן סאַבאָטירע!״ האָט ער אויף זיי געמאַכט יללות, ״וואַרום קענען די יודען גען, די רוססען, און ניכט איהר שײַסע וואָס איר זײַט!״ ער האָט נעבעך נישט געוווּסט, אַז קיין רוסן האָט ער מער נישט, ווײַל מע האָט זיי כּמעט אַלע מיט אַ טאָג פֿריִער לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט. און פּאַסירט האָט עס אַזוי:

אויפֿן פּלאַץ וווּ מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין מיטן פֿעלד איז געשטאַנען אַ גרויסער שײַער. צו מאָרגנס אין דער פֿרי, ווען מ'האָט געציילט די מענטשן, האָבן די רוסן געפֿעלט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך פּשוט אײַנגעגראָבן אינעם שטרוי פֿונעם שײַער און האָבן געהאָפֿט אַזוי אַרום זיך צו ראַטעווען. די אַמעריקאַנער טאַנקען האָבן מיר שוין געהאַט געזען מיט עטלעכע שעה פֿריִער פֿון דער ווײַטנס, קוים עטלעכע קילאָמעטערס פֿון אונדז. די וואַכמענער האָבן אָבער געהאַט צײַט, גענוי ווי די אַמעריקאַנער האָבן געהאַט צײַט. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם שײַער און אים אונטערגעצונדן. די וואָס האָבן פּרובירט צו ראַטעווען זיך און זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿונעם ברענענדיקן שײַער האָט מען גלײַך דערשאָסן. ס'האָט אויסגעזען, ווי די דײַטשן וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט מיט די אַמעריקאַנער טאַנקען, זיי זאָלן צוּוואַרטן אַ ביסל, ווײַל זיי האָבן נאָך אָפּצוטאָן אַ שטיקל אַרבעט. ערשט דענצמאָל ווען מיר זענען אָפּגעטראָטן זענען די אַמעריקאַנער טאַנקען אַרײַן און פֿאַרנומען דעם פּלאַץ. ס'זענען געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ס'איז געווען אַזאַ אָפּמאַך.

איצט האָט דער קאָמענדאַנט געסטראַשעט מיטן רעוואָלווער, אַז מיר מוזן גיין! ווען נישט -- ווען נישט, איז וואָס? וועט ער אונדז דערשיסן? ״נישט מער שיסן!״ האָט דער קאָמענדאַנט באַפֿוילן, בלויז אַזעלכע וואָס קענען איבער הויפּט נישט גיין. אָבער ווער האָט דען יאָ געקענט גיין? באַלד האָבן די העפּטלינגען אויסגענוצט דעם נײַעם באַפֿעל און ווי נאָר זיי האָבן דערזען עפּעס אַ פֿאַרפֿוילטן קאַרטאָפֿל אָדער אַ בוריק אין מיטן פֿעלד זענען זיי גלײַך אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער ריי און זיך אויף אים געוואָרפֿן. ביז איצט, ווער ס'האָט נאָר בלויז פּרובירט מאַכן אַ טריט אויסער דער ריי, האָט תּיכּף געכאַפּט אַ קויל אין קאָפּ. איצט אָבער, נאָכן באַפֿעל פֿון קאָמענדאַנט, האָט אַזאַ קאַצעטניק גאָר געסטראַשעט דעם וואַכמאַן מיטן פֿינגער: ״ניכט שיססען, הער וואַכמאַן! ניכט שיססען! באַפֿעל איסט באַפֿעל!״ און ער איז צוריקגעקומען אַ גליקלעכער מיט דעם אוצר. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אוצר איז נישט מער ווי אַ שטיק פֿאַרטריקנטע לײַנע [אַזוי].

איטשע, דער פֿערד-סוחר האָט דאָס אַזוי אויסגעטײַטשט: ״וואָס איז שוין ווערט אַ פֿערד-סוחר אָן פֿערד און וואָס איז שוין ווערט אַ לאַגער-קאָמענדאַנט אָן קאַצעטניקעס? ער דאַרף אונדז מער, ווי מיר אים, ווײַל וואָס, מישטײנס געזאָגט, קאָן ער אויפֿטאָן אָן אונדז? -- גײן אויפֿן פֿראָנט, און פֿאַר דעם ציטערט ער ווי אַ טכויר.״

דאָס ערשטע מאָל נאָך צוויי וואָכן מאַרשירן האָט מען אונדז געגעבן אַ זופּ. אָבער די אײנע זופּ האָט אַ סך נישט געהאָלפֿן. די מענטשן האָבן ווײַטער ״סאַבאָטירט״ דעם קאָמענדאַנטס באַפֿעל, זײ האָבן ווײַטער נישט געקאָנט גײן.

צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע סדרה. יעדער אײנער האָט געמוזט שלעפּן אַ צווייטן, דאָס הייסט: יעדער האַלב אָפּגעשטאָרבענער האָט געמוזט שלעפּן אַ דרײַפֿערטל אָפּגעשטאָרבענעם. איך, למשל, האָב שוין געשלעפּט אַ לענגערע צײַט אַזאַ מין קוים זשיפּענדיקן פֿראַנצײזישן סאַבאָטאַזשניק, ווי דער קאָמענדאַנט האָט זײ גערופֿן. אין אָנהײב האָט ער זיך יאַקאָש געשלעפּט, אָבער מיט יעדער מינוט איז ער געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, פּשוט אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט פֿאַר מײַנע אויגן, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט און מער נישט געקאָנט, צי נישט געוואָלט מאַכן אפֿילו קײן אײן טריט פֿאָרויס. מיט אַלע כּוחות האָב איך פּרובירט אים צו שלעפּן, אָבער גײ שלעפּ אַ מת. דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז שוין באַלד געווען אַדורך און מיר זענען געבליבן די לעצטע. איך האָב מורא געהאַט, אַז די וואַכמענער זאָלן מיר נישט דערשיסן, מײנענדיק, אַז אויך איך קען נישט מער גײן. און דעם אמת געזאָגט, האָב איך דען יאָ געקענט גײן? די פֿיס מײַנע זענען שוין געווען געשוואָלן ווי צוויי פֿעסער און געוווּסט האָב איך, אַז ווי נאָר דאָס געשווילעכץ וועט זיך אַרויסכאַפּן העכער צום האַרץ, איז אויס מיט מיר.

"קום פֿראַנסע! -- האָב איך פּרובירט מיט גוטן און מיט בײזן, שלעפּנדיק אים בײַ דער האַנט -- קום, ווען נישט, דו פּאַף!״ -- און אים געוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן קאָפּ, אַז מע וועט אים דערשיסן. דער פֿראַנצויז האָט געקוקט אויף מיר ווי אַ מומיע, מיט צעעפֿנטע אויסגעלאָשענע אויגן.

"קום! האָב איך אים געהאַלטן אין אײן שלעפּן -- דו מוזסט גײן! ווען נישט, דו קאַפּוט! קאַפּוט! פֿאַרשטײסטו! פֿראַנצעוואַטער פֿראַנצויז וואָס דו ביסט!״ -- האָב איך זיך אויפֿגערעגט.

"איך קאַ-פּוט, דו קאַ-פּוט, לע-באָש (געמײנט די דײַטשן) קאַ-פּוט אַ-ל-ע-ס קאַ-פּ-ו-ט - האָט ער מיר רויִק געענטפֿערט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, זיך אײַנגעהילט מיט זײַן דעק איבערן קאָפּ, געמאַכט אַ צלם און געוואַרט...

די לעצטע צוויי וואַכמענער האָבן זיך דערנענטערט און איך האָב קוים געכאַפּט די פֿיס נאָכיאָגנדיק זיך נאָכן טראַנספּאָרט, מורא האָבנדיק זיך אפֿילו אומצוקוקן. כ׳האָב דערהערט אַ שאָס און זיך באַטאַפּט לויפֿנדיקערהייט, צי די קויל איז אַ מאָל נישט געווען פֿאַר מיר. ניין, דאָס מאָל נאָך נישט פֿאַר מיר...

איטשע האָט מיך דערזען און זיך געבײזערט: ״וואָס ביסטו משוגע געוואָרן? בלײַבסט פֿון הינטן? מ׳עט דיך נאָך אַוועקשיסן! בלײַב דאָ בײַ מיר און שלעפּ נישט די פֿוילע פֿראַנצויזן! אוי, ס׳איז נעבעך אַ בראָך צו זײ, -- האָט איטשע געקלאָגט -- אַ רחמנות, כ׳לעבן, בלויז אַ פּאָר חדשים אין לאַגער, אפֿשר אַ יאָר אין גאַנצן, און זע ווי אַזוי זײ זעען אויס. מיר ייִדן זענען דאָך שוין דרײַ יאָר אין דעם גיהנום און דאָך האַלטן מיר

זיך יאַקאָש [זע פּויליש _ jאַקאָס_ 'ווי ניט איז']]. און זיי האָבן דאָך צו וואָס צו לעבן, מען וואַרט דאָך אויף זיי אין דער היים -- ווייַבער, מאַמעס, טאַטעס, קינדער, אַ לאַנד פֿראַנקרייַך, ווי גאָט אין פֿראַנקרייַך! ווער מישטיינס געזאָגט, וואַרט אויף אונדז? אפֿילו קיין הונט נישט. און דאָך ווילן מיר לעבן. אוי די פֿראַנצויזן, די פֿראַנצויזן, נאָר ווייַן און ווייַבער גיב זיי! אָן דעם טויגן זיי אויף כּפּרות..."

אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר אויך שוין געטויגט אויף כּפּרות.

מיט אַ מאָל זענען אַלע קאַפּאָס פֿאַרשוווּנדן. זיי האָבן דאָס גאַנצע קרעמל שטיין געלאָזט אין מיטן דערין און געמאַכט אַ ויבֿרך. מ'האָט געזאָגט אַז זיי האָבן אונטערגעקויפּט דעם אונטערשאַרפֿירער. מן הסתּם האָבן זיי געוווּסט, אַז מען גייט אונדז אַלע "דערליידיקן." אַנדערע האָבן גאָר געטענהט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי מ'האָט די קאַפּאָס אין דער לעצטער נאַכט אַרייַנגעפֿירט אין וועלדל אַרייַן און אַז דער קאָמענדאַנט איז געגאַנגען פֿון הינטן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט. זעט אויס, אַז ער האָט זיך ביי ציַיטנס באַזאָרגט, כּדי נישט צו האָבן קיין עדות קעגן זיך, איבער הויפּט אַזעלכע שישקעס ווי אונדזערע קאַפּאָס. בלויז די צוויי דייַטשע קאַפּאָס מיט די גרינע דרייַעקן אויף זייער ברוסטקאַסטן זענען געבליבן און איבערגענומען דאָס מלחות.

אַצינד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע גיהנום. די צוויי קאַפּאָס האָבן זיך איצט נוקם געווען פֿאַר דער גאַנצער צייַט, וואָס זיי האָבן זיך נעבעך געמוזט אייַנהאַלטן מיט זייערע פֿאַרברעכערישע נייגונגען, נאָך זינט די צייַטן פֿון בוכענוואַלד. [די דייַטשע פּאָליטישע קאַפּאָס אין בוכענוואַלד האָבן אין די לעצטע יאָרן געהאַט איבערגענומען די מאַכט אין לאַגער פֿון די דייַטשע קרימינעלע קאַפּאָס, וואָס די נאַציס האָבן אַהער געשיקט, כּדי צו פּייַניקן די העפֿטלינגען. אַ טייל פֿון די קרימינעלע קאַפּאָס זענען אפֿילו געוואָרן אויסגעהאַרגעט, "ליקווידירט" אינעם לשון פֿון לאַגער. די נאַציס האָבן זיך אין דעם ענין נישט אַרייַנגעמישט. -- ת.כּ.]

אַצינד האָבן די צוויי קרימינעלע קאַפּאָס אַלץ אויסגעלאָזט צו אונדז. זיי זענען אַרומגעלאָפֿן מיט שטעקנס אין די הענט און געקיילט אויף רעכטס און אויף לינקס, סתּם אַזוי, פֿאַר פֿאַרגעניגן. האָט מען שוין אַ מאָל אויסגעטיילט אַ ביסל קאַווע, האָבן זיי אַנשטאָט אַרייַנצוגיסן מיט דער האָכלע דאָס ביסל שוואַרצע וואַסער אין בלעכל אַרייַן, אַרויפֿגעגאָסן די קאַווע אויפֿן קאָפּ פֿון אַ העפֿטלינג און דערביי אים נאָך אַ זעץ געגעבן מיט דער זעלבער האָכלע איבערן קאָפּ, אַז דער קרבן איז אַוועקגעפֿאַלן אַ טויטער. אונדזער לאַגער-קאָמענדאַנט האָט מען אויך מער נישט געזען. ער האָט אונדז איבערגעלאָזט, ווי איטשע האָט געזאָגט, אויף הפֿקר-פּעטרישקע אין די הענט פֿון די צוויי סאַדיסטן און די עס-עס-וואַכמענער. די וואַכמענער זענען שוין אויך געוואָרן מיד, אויסגעמוטשעט און אפֿילו פֿאַרלייַזיקט ווי מיר, און נישט אַלע פֿון זיי זענען נאָך געווען פֿון די יונגסטע.

איינמאָל האָט מיך צוגערופֿן אַ וואַכמאַן און באַפֿוילן, אַז כ'זאָל אים טראָגן זייַן רוקזאַק. אַ גרויסער כּבֿוד... ער אַליין האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח אים צו שלעפּן, האָט ער אים מיר אָנגעהאַנגען. אַ גליק וואָס דער רוקזאַק איז נישט געווען שווער. אָבער פֿון דעם מאָמענט אָן האָט ער מיך געשיצט פֿון די צוויי מערדערישע קאַפּאָס. מיט אַ מאָל האָב איך געהערט צו די פּראָמינענטע, צו די בעסערע מענטשן. אַ

קלייניקייט, איך טראָג אַ רוקזאַק פֿון אַן עס-עס-מאַן! דער וואַכמאַן מײַנער, אַן אונגאַר, איז אויך נישט געווען פֿון די ערגסטע. ער האָט בלויז געהאַט דערשאָסן צוויי-דרײַ העפֿטלינגען, דאָס אַלץ, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער נישט געהערט צו פּראָפֿעסיאָנעלע שיסערס...
זינט איך טראָג דעם רוקזאַק דערלויבט ער מיר אַרויסצוגיין פֿון דער ריי אויפֿצוקלויבן מציאות אין מיטן פֿעלד. אַ מאָל האָט ער מיר אַליין אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ מיסטקאַסטן. דאָס איז געווען אַ פּויערישער גרויסער מיסטקאַסטן פֿון אַ פֿינעף מעטער לאַנג און ברייט. מע קאָן זיך איבערהויפּט נישט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ מציאות, ממש אוצרות, מ׳קאָן געפֿינען אין אַזאַ פּויערישן מיסטקאַסטן: גאַנצע קאַרטאָפֿל, מייערן, בוריקעס, האַלב, דרײַפֿערטעל און אין גאַנצן פֿאַרפֿוילטע, וואָס ליגן שוין וואָכן לאַנג, אפֿשר חדשים אַדורכגעוואַרעמט, כמעט אָפּגעקאָכט פֿון דער צואה פֿון די בהמות און פֿערד. הכּלל, גאַנצע גליקן -- נישט בלויז פֿאַר מיר אַליין, נאָר אויך פֿאַר בעניעקן און איטשען. מיר האָבן זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ און געקומען אַ ביסל צו זיך. אָבער גראָז האָב איך נישט געגעסן! איטשע האָט מיר געוואָרנט: "אַלץ, נאָר צוויי זאַכן נישט: גראָז און מענטשנפֿלייש, פֿון דעם זאָלסטו זיך היטן! פֿון גראָז באַקומסטו באַלד ס׳לויפֿעניש און גייסט אַ גאַנג... ווידער מענטשנפֿלייש? נו, זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן!"
"בלויז די מילך פֿון געזונטע מענטשן," -- האָט זיך איינער פֿון אַ זײַט אָפּגערופֿן. "טאָ גיי ווער דערוואָרגן, פּרעס אויף אַ מילך פֿון אַ דאַטש, זיי געהערן נאָך צו די געזונטע מענטשן," -- האָט אים איטשע אַ דערצאָרנטער צוריקגעענטפֿערט. אָבער איטשע האָט מיך נישט געדאַרפֿט וואָרענען, כ׳האָב דאָס אַלץ אַליין געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן. דאָך האָב איך זיך איינמאָל מער נישט געקענט אײַנהאַלטן, אַזוי אויסגעהונגערט בין איך געווען, האָב איך אַרײַנגעכאַפּט אין מויל אַרײַן אַ הויפֿן נאַס גראָז.
די לעצטע צײַט האָבן מיר געמאַכט צו עטלעכע פּויזעס אַ טאָג, נישט צוליב אונדז, העפֿטלינגען, נאָר בעיִקור ווײַל די וואַכמענער האָבן מער נישט געקענט גיין. בעת איינער אַזאַ פּויזע בין איך געזעסן נישט ווײַט פֿון מײַן אונגאַרישן וועכטער און, ווי געוויינטלעך, זיך געלויזט. אויך ער האָט דאָס זעלבע געטאָן. אַזוי אויך די אַנדערע וואַכמענער. -- אין אָנהייב זייער דיסקרעט, פּאַוואָליע אָבער ווען ס׳האָט זיי שוין גוט געביסן האָבן זיי געגומען אַ בײַשפּיל פֿון אונדז. דער שטייגער איז געווען, אַז ווי נאָר מע האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט מען אַראָפּגעצויגן די קאַצעטישע בלוזע און זי גוט אויסגעשאָקלט. ס׳איז אָבער לײַכט צו זאָגן, ווײַל נישט אַלע לײַז לאָזן זיך אַזוי פּשוט אויסשאָקלען. מיינסטע לײַז קלאַמערן זיך סאַדיסטיש אײַן מיט זייערע קליינטשיקע פֿעסטע פֿיסלעך, נישט בלויז אין דער בלוז אָדער אין די הויזן, נאָר אַ סך ערגער, זיי קלאַמערן זיך אין דײַן לײַב און זייגן פֿון דיר אַרויס דאָס לעצטע ביסל בלוט און חיות וואָס דו פֿאַרמאָגסט נאָך אין זיך. דאָס לײַב ווערט אין גאַנצן רויט און ס׳ווערט נאָך מער רויט ווען מען הייבט זיך אָן צו קראַצן; און קראַצן מוז מען זיך, ווײַל ס׳בײַסט, און מען קראַצט מיט אַזאַ סאַדיסטיש פֿאַרגעניגן, מען נעמט פּשוט נקמה אין דעם גרעסטן שׂונא, אויסער די נאַציס, פֿאַרשטייט זיך. שפּעטער, ווען די נקמה-לוסט ווערט

אַ ביסל באַרויִקט, טרעט מען ערשט דעמאָלט צו צום צווייטן טייל פֿון דער פּראָגראַם, דהינו, מ'הייבט אָן צו קנאַקן די לײַז און זיי צו פֿאַרטיליקן, איינס נאָכן אַנדערן.
צו ערשט לייגסטו אַרויף אַזאַ לויז (נישט לײַזל, זאָג איך, נאָר לויז), ווײַל דאָס זענען געווען גרויסע אויסגעביקעוועטע לײַז פֿון דײַן אייגן בלוט און פֿלייש. ווידער, ווען וואָס פֿאַר אַ פֿלייש רעד איך דאָ? ווער האָט נאָך בכּלל דענצמאָל געהאַט אויף זיך פֿלייש? בלוט? אפֿשר נאָך דאָס לעצטע ביסל, אָבער פֿלייש? נאָך אַ מאָל: דו לייגסט אַרויף אַזאַ אויסגעביקעוועטע לויז אויפֿן נאָגל פֿון דײַן גראָבן פֿינגער און אַזוי ווײַטער...
ו.אַ.וו....הקיצור, דער גאַנצער טראַנספּאָרט, מיט די וואַכמענער צוזאַמען, איז געווען אַרײַנגעטאָן אין קנאַקן לײַז. אַ גרויסער בראָך איז שוין אָבער געווען צו די יעניקע, וואָס האָבן נישט געקנאַקט, נאָר האָבן זיך געלאָזט פֿרעסן לעבעדיקערהייט פֿון די לײַז...
ווי כ'האָב ערשט געזאָגט, איז נישט ווײַט פֿון מיר געזעסן מײַן אונגאַרישער וואַכמאַן. מיר זענען איצט געווען פֿאַראייניקט אין איין ציל, אין נעמען נקמה אין אונדזערע געמיינזאַמען שׂונא, די לײַז. זײַן ביקס מיטן רוקזאַק זענען געלעגן אין אַ זײַט. ער האָט געהאַט אויסגעטאָן דעם מונדיר און געמאַכט פּאָלאָוואַניע גאַנץ דיסקרעט אויף זײַן העמד.
"הער וואַכמאַן -- האָב איך מיך געחנפֿעט צו אים, ווערנדיק פּטור ווערן פֿונעם רוקזאַק וואָס איך האָב קוים נאָך געקאָנט שלעפּן -- דיזע לויזן האָבן זי פֿון מיר, דורך דיזען רוקזאַק וואַס איך טראַגע. דויטשן האַבען קײַנע לויזע!" -- האָב איך מיט אַ זיכערקייט געזאָגט. דער וואַכמאַן האָט אָבער נישט געענטפֿערט. מיט אַ מאָל איז מיר אַרײַן אַ משוגעות אין קאָפּ און כ'האָב ריזיקירט מיט נאָך אַ לײַכטזיניקער פּלאַפּלערײַ, וואָס האָט מיך שיעור נישט געקאָסט דאָס לעבן. "הער וואַכמאַן -- האָב איך געפֿרעגט -- זי זינד דאָך קיין עכטער דויטשע?"
ער האָט פּלוצלינג אויף מיר אויפֿגעשטעלט צוויי רציחהשע אויגן, זיך אומגעקוקט צי קיינער פֿון זײַנע קאַמעראַדן האָט דאָס נישט געהערט און מיט אַ מאַדזשאַרסקן אַקצענט געסטראַשעט: "האַלט די שנאַוצע, דו לויזיגער דרעקזאַק! נאָך איין וואָרט און איך ברינג דיך אום!" -- דערבײַ האָט ער געכאַפּט די ביקס און געצילט צו מיר. נאָך אַ מזל, וואָס די אַלאַרעם-סירענע פֿון אַ דערבײַיִק שעטל האָט זיך מיט אַ מאָל צעריטשעט.
ווי אַ שטורעם איז אַדורכגעפֿלויגן איבער אונדזערע קעפּ אַ גאַנצע עסקאַדרע אַלײִרטע עראָפּלאַנען און אַראָפּגעשיט אויפֿן שטעטל באָמבעס ווי באָבעלעך. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דר'ערד, כאָטש קיינער פֿון אונדז, חוץ די דײַטשן, האָט קיין מורא נישט געהאַט.
בלויז דער אַמעריקאַנער, דער פֿליִער, האָט זיך נישט אויסגעצויגן. דערזעענדיק די עראָפּלאַנען האָט ער אין גאַנצן אויפֿגעלעבט, ווי אויפֿגעשטאַנען תּחית-המתים. ער האָט זיך אויסגעצויגן נישט אויף דער'ערד, ווי מיר, נאָר אין דער הייך, צום הימל. ער איז מיט אַ מאָל צוריק געוואָרן אַזוי הויך, ווי דעמאָלט, ווען מיר האָבן אים געזען דאָס ערשטע מאָל. ער איז געשטאַנען אַ שטאָלצער, געפֿאָכעט אין די הימלען און געהאַלטן אין איין רופֿן:
"קאָם אָן דזשאַני! קאָם אָן! פּאָק דעם! פּאָק דעם!"

אַ שאָס פֿון אַ וואַכמאַן האָט אָפּגעהאַקט זײַן רופֿן...
באַלד איז איבער אונדז אַדורכגעפֿלויגן אַ "ספּיטפֿײַער" און אַדורכגעזייט דעם גאַנצן שטח, איבערלאָזנדיק צענדליקער טויטע און פֿאַרוווּנדיקטע, צווישן זיי עטלעכע וואַכמענער. זעט אויס, אַז ס'איז געווען אַ טעות, אַ פֿאַטאַלער טעות, ווײַל באַלד איז דער זעלבער "ספּיטפֿײַער" צוריקגעקומען און אַרומגעקרײַזט עטלעכע מאָל איבער אונדזערע קעפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פֿאַרענטפֿערן, אַז נישט אונדז האָט ער געמיינט. די פֿאַרוווּנדיקטע העפֿטלינגען, אפֿילו די גאַנץ לײַכטע פֿאַרוווּנדיקטע, האָט מען תּיכּף דערשאָסן.
בעניעק, וואָס האָט געכאַפּט אַ שפּליטער אין לינקן פֿוס אַרײַן, אויפֿן זעלבן פּלאַץ ווו דער דימענטרינג האָט אים פֿריִער געהאַט געשטאָכן, האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו בלוטיקן. איטשע האָט אים גלײַך אַרומגעבאַנדאַזשירט דעם פֿוס מיט אַ שטיק קאָץ און אים אָנגעזאָגט: "איך און יעקבֿ וועלן דיך פֿירן, אָבער למען-השם, זאָג נישט קיינעם, אַז ביסט פֿאַרוווּנדיקט." און אַזוי איז טאַקע געווען, איטשע פֿון איין זײַט, און איך פֿון דער צווייטער זײַט, האָבן איצט געפֿירט בעניעקן. נאָך עטלעכע שעה גיין זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ גרויסן פֿאַרלאָזטן פֿאָלוואַרק, ווו מיר זענען אײַנגעשטאַנען גאַנצע צוועלף טעג אין אַ גרויסן שײַער מיט שטרוי. דאָס זענען געווען די ערגסטע טעג פֿון אונדזער לעבן, כ'מיין פֿון די וואָס זענען נאָך געבליבן ביז דעמאָלט לעבן. און געבליבן זענען מיר זייער ווייניק. פֿון די פֿראַנצויזן -- אפֿשר נאָך אַ דריטל; פֿון די רוסן -- בלויז געציילטע. די מיינסטע געבליבענע זענען געווען די פּראָפֿעסיאָנעלע קאַצעטניקעס, ווי איטשע האָט דאָס אָנגערופֿן, געמיינט האָט ער אונדז, פּוילישע ייִדן, וואָס יעדער איינער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ רעקאָרד פֿון דרײַ יאָר לאַגערן מיט געטאָס און אַנדערע צרות...
"נישט אַזוי שנעל קאָנען זיי אונדז פּטור ווערן -- האָט זיך איטשע נאָך געוויצלט -- מיר, זענען פֿאַר זיי אַ האַרטע נוס, אַן עם-קשה-עורף, ווי עס שטייט געשריבן. ווי ס'זאָל נישט זײַן שלעכט, ווילן מיר לעבן, אַדורכלעבן, איבערלעבן, אַבי נאָך לעבן... אָט נעם, למשל, און טרעט אַרויף אויף אַ וואָרעם. גלײַך איז ער טויט. טרעט אָבער אַרויף אויף אַ שלאַנג, צעטייל אים אויף צוויי, אויף דרײַ, די רעשט בלײַבט לעבן. אָט דאָס זענען מיר! נישט קיין געוויינטלעכע ווערעם. מיר זענען ווי שלאַנגען, וואָס געדענקען אָבער תּמיד, אַז אַ טייל פֿון אונדז האָט מען אָפּגעשניטן, געטויט. זעסט, יעקבֿ, דאָ אויפֿן טויטנמאַרש -- איטשע האָט ס'ערשטע מאָל אָנגערופֿן דעם מאַרש 'טויטנמאַרש' -- קענסטו ערשט באמת זען ווער מיר זענען! איך וואָלט אַצינדער די גאַנצע וועלט מענטשן דאָ אַהערגעשלעפּט בײַ די אויערן, זיי זאָלן זען מיט זייערע אייגענע אויגן ווער מיר זענען. אפֿילו דער קאָמענדאַנט האָט פֿאַר אונדז דאָ באַקומען דרך-ארץ. האָסט דאָך אַליין געהערט ווי ער האָט געשריגן אויף אַלע צו נעמען אַ בײַשפּיל פֿון אונדז, פּוילישע ייִדן..."
"ניין, ניין -- האָט איטשע נישט נאָכגעלאָזט -- מיר זענען נישט קיין דעליקאַטע פֿראַנצויזן, קיין פּוילישע לײַכטזיניקע באָהאַטערעס, קיין רוסישע ריזיקאַנטן, ניין! דאָס זענען מיר נישט! מיר זענען פּוילישע ייִדן! די לעצטע פּוילישע ייִדן וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן אויף דער וועלט! און אויב דו ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט, טאָ וועל איך דיר זאָגן: דאָס הייסט טויזנט יאָר געברענטע צרות מיט אַזאַ סוף...

שוין דעם פֿערטן טאָג ווי מיר ליגן אָנגעפּאַקט איינעם אויפֿן אַנדערן אין דער גרויסער סטאָדאָלע, קעפּ צו פֿיס און פֿיס צו קעפּ, נישט וויסנדיק וועלכע ס׳זענען דײַנע אייגענע פֿיס אָדער אפֿילו דײַן אייגענער קאָפּ! האָסטו געשטופּט אַזאַ איינעם ער זאָל זײַנע פֿיס אַוועקנעמען פֿון דײַן קאָפּ, האָט ער מער נישט רעאַגירט. ער איז במשך פֿון דער נאַכט אויסגעגאַנגען. און אַזוי ביסטו געלעגן מיט טויטע אונד האַלב-טויטע אַרום זיך. אין דער פֿרי, ווען כ׳האָב אויפֿגעמאַכט די אויגן האָב איך זיך צו ערשט גוט באַטאַפּט, צו זען צי איך לעב נאָך. באַלד האָב איך אָנגעהויבן רופֿן: ״בעניעק! איטשע!״ געוואָלט זײַן זיכער, אַז זיי לעבן נאָך אויך. זעט אויס, אַז דער מחבר פֿון ״מודה אַני״, וואָס אַ ייִד זאָגט יעדן טאָג אין דער פֿרי, ווי נאָר ער מאַכט אויף די אויגן, האָט געמוזט מיטמאַכן עפּעס ענלעכס, ווי מיר דאָ. דער הונגער האָט אָבער אַזוי געפּײַניקט, אַז דו האָסט אַליין נישט געוווּסט, צי דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט דיר צוריקגעגעבן די נשמה ״בחמלה רבא״, מיט זײַן באַרמהאַרציקייט, אָדער בעטן גאָט , ער זאָל גאָר פֿאַרגעסן דיר צוריקצוגעבן די נשמה. און ווען ס׳איז געקומען די צײַט צו באַקומען דאָס ביסל קאַווע, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע גיהנום. אויב ס׳איז באמת דאָ אַ גיהנום אויף יענער וועלט, איז עס זיכער אַ געלעכטער, אַקעגן דעם וואָס דאָ אין דער סטאָדאָלע איז פֿאַרגעקומען. אַלץ האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו לויפֿן טרעטנדיק איינער אויפֿן אַנדערן, כּדי צו זײַן דער ערשטער נאָכן ביסל קאַווע. ערשטנס, איז קיין מאָל נישט געווען גענוג און ס׳האָט תּמיד אויסגעפֿעלט. און אויב ס׳איז יאָ געווען, האָבן די קאַפּאָס להכעיס אויסגעגאָסן די קאַווע אויף דר׳ערד. דעמאָלט האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד כּדי אויסצולעקן מיט די צינגער, איידער די קאַווע אײַנגעזאַפּט אין דער ערד. די שוואַכערע זענען פּשוט צעטראָטן געוואָרן דורך די וויניקער שוואַכע ביז מע האָט זיי צוגעשלעפּט צו דער קופּע טויטע. צווייטנס, האָבן מיר דאָך גאָרנישט באַקומען במשך די גאַנצע צוועלף טעג, ווי בלויז דאָס ביסל שוואַרץ וואַסער איין מאָל אַ טאָג און אויך דאָס נישט רעגולער.

צו מאָרגנס, ווען דער הונגער האָט נאָך מער געפּײַניקט די מענטשן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַניבאַליזם. מ׳האָט פּשוט אָנגעהויבן צו עסן איינער דעם אַנדערן: אויפֿגעריסן דעם בויך פֿון אַ טויטן צי אפֿילו פֿון נאָך אַ לעבעדיקן, אַרויסגענומען די מילץ, צי די לעבער און זי אויפֿגעגעסן. אַזאַ איינער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן פֿון זײַנע חייִשע אינסטינקטן, דאָס איינציקע וואָס איז אין אים נאָך געבליבן לעבן, ווײַל אַל דאָס רעשט איז שוין בײַ אים געווען טויט, אָפּגעשטאָרבן. דאָס איז געווען אַ נײַער טיפּ מענטש, אַ ״האָמאָ נאָוווּס,״ וואָס איז דאָ, אין דער סטאָדאָלע געבוירן געוואָרן אין משך פֿון געציילטע טעג. נישט מער קיין געוויינטלעכער מוזלמאַן, ווי מע האָט גערופֿן אין לאַגער אַן אויסגעהונגערטן סקעלעט, גאַנץ עפּעס אַנדערש -- אַ מענטשן-פֿרעסער. נישט איין מאָל האָט אַזאַ ״קרבן״ רעוואָלטירט, אָנגעהויבן צו שרײַען, אַז מע זאָל אים נישט צערײַסן. וואָס הייסט? כ׳לעב דאָך נאָך!!! דעמאָלט פֿלעגט זיך דער מענטשן-פֿרעסער צוריקציִען, ווי קיין מאָל גאָרנישט, און זוכן אַן אַנדער קרבן. איצט, האָבנדיק שוין מער דערפֿאַרונג האָט ער דעם נײַעם קרבן צו ערשט גוט באַטאַפּט, אים אַראָפּגעצויגן די שיך, אויב ער האָט זיי נאָך געהאַט, דערנאָך דאָס וועסטל, די הויזן און ערשט דעמאָלט, אַז יענער האָט מער נישט רעאַגירט, האָט ער זיך גענומען צו זײַן גוף: צו ערשט אָנגעהויבן צו בײַסן די האַנט,

אָבער אַזאַ אויסגעצערטער, פֿאַרטריקנטע האַנט איז נישט לײַכט געווען אײַנצובײַסן, האָט ער אים צום סוף אויפֿגעריסן דעם בויך... מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז אָבער אַזאַ איינער באַלד אויך אויסגעגאַנגען, ווײַל די מענטשן האָבן געטראָגן אין זיך כּלערליי קרענק.
איטשע האָט אונדז ווידער געוואָרנט: שטרוי זאָלט איר פֿרעסן! אָבער בשום-אופֿן נישט קיין מענטשנפֿלייש!!! אָבער גיי און פֿרעס שטרוי! לײַז האָב איך שוין געזען ווי איינער האָט אַרײַנגעלעגט אין מויל אַרײַן, אָבער שטרוי? און נישט איין מאָל, ווען כ'האָב זיך צוגעקוקט ווי מען פּאָסמאַקעוועט זיך מיט אַזאַ פֿריש לעבערל אָדער מילצעלע, האָב איך אויך באַקומען אַ שרעקלעכן אַפּעטיט, כאָטש בלויז אַרײַנצובײַסן זיך אין אַזאַ מין לעבעדיק שטיק פֿלייש. כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן אַ בליק אויף בעניעקן און געזען ווי אויך ער באַלעקט זיך צוקוקנדיק זיך צו דער עבֿודה, ווי צוויי קאַניבאַלן האָבן זיך נאָר וואָס גענומען צו אַזאַ פֿרישן קרבן. „הלוואי וואָלט די גאַנצע סטאָדאָלע פֿאַרברענט געוואָרן מיט אונדז צוזאַמען איידער דאָס מיטצומאַכן,‟ האָט איטשע ווי צו זיך גערעדט.
"אוי, קינדער -- האָט ער געקלאָגט מיט אַ ווייטיק -- אוי, וואָס מיר האָבן דערלעבט, צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען! צדיקים זענען דאָך געווען די אַלע וואָס זענען באַלד פֿון אָנהייב, נאָך אין 42, אומגעקומען און דאָס אַלץ נישט געדאַרפֿט מיטמאַכן. ניין! דאָס וואָס זיי האָבן מיט אונדז געמאַכט, נאָך דעם צו וואָס זיי האָבן אונדז צוגעברענגט, איז שוין מער נישט קיין מציאה דאָס איבערצולעבן. אפֿילו צו זען זייער מפּלה, האָט אויך מער קיין זינען נישט. נקמה? וואָס פֿאַר אַ נקמה קאָן נאָך דאָ בכּלל זײַן? איך שטעל מיר מער נישט פֿאָר קיין לעבן נאָך דעם אַלעם. כ'וועל נישט קענען מער לעבן און כ'וויל נישט לעבן, כ'זאָל אפֿילו ווערן באַפֿרײַט! און פֿון וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָן מען שוין דאָ זײַן באַפֿרײַט?... איר זענט נאָך יונג, און אויב איר וועט לעבן, וועט איר לעבן! כ'בין אָבער אײַך נישט מקנא, ס'וועט אײַך נישט זײַן וואָס מקנא צו זײַן... די דײַטשן האָבן אונדז באַזיגט! ערשט דאָ, אין דער סטאָדאָלע, האָבן זיי אונדז באַזיגט און נאָך ווי!!! אָבער נישט מיך, ניין! ניין! נישט קיין מענטשנפֿלייש! איך וועל קיין מענטשנפֿלייש נישט פֿרעסן!!!
צו מאָרגנס איז איטשע פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז אַרויס פֿון דער סטאָדאָלע און האָט זיך געבעטן בײַם וואַכמאַן אין דרויסן, ער זאָל אים דערשיסן. אָבער דער וואַכמאַן האָט נישט געהאַט קיין חשק אים צו טאָן אַזאַ טובֿה. „דו שוויַינעהונט! וואָס מאַכסט דו היר? -- האָט ער אויף איטשען געשריגן -- זאָפּאָרט אַוף דײַן פּלאַץ!‟ און אים אַ דזשיוכע געגעבן מיט דער קאָלבע פֿון דער ביקס. איטשע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל אים כאָטש געבן פֿײַער, אַ זאַפּלקע. האָט אים דער וואַכמאַן ווידער אַ זעץ געגעבן מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ. האָט איטשע באַניצט זײַן לעצטע געווער -- מיטן לעצטן ביסל שפּײַעכץ, וואָס ער האָט נאָך פֿאַרמאָגט, געגעבן דעם וואַכמאַן אַ שפּײַ גלײַך אין פּרצוף אַרײַן. באַלד זענען צוגעלאָפֿן נאָך צוויי וואַכמענער און מיט רציחה זיך געגעבן אַ וואָרף אויף איטשען. „דויטשע שוויַינע! מערדערס! שיסט מיך! שיסט מיך!‟ -- האָט איטשע אָנגעהויבן שרײַען. אויף להכעיס האָבן זיי אים נישט געוואָלט דערשיסן, נאָר אים מערדעריש צעקײַלט און אים צוריק אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער סטאָדאָלע אַרײַן. איטשע איז געבליבן ליגן אין חלשות בײַם אַרײַנגאַנג.

בעניעק און איך האָבן פּרובירט אים צוצושלעפּן אויף אונדזער פּלאַץ, אָבער מיר זענען געווען צו שוואַך. דער קאַפּאָ האָט דאָס דערזען און אונדז אַוועקגעטריבן. ער האָט באַפֿוילן אַנדערע צוויי צוצושלעפּן איטשען צו דער קופּע טויטע.

"הער קאַפּאָ, ער לעבט דאָך נאָך!" האָט זיך בעניעק אָנגערופֿן. אָבער דער קאַפּאָ איז אים פֿאַרפֿאָרן מיטן שטעקן איבערן קאָפּ און געשריגן: "האַלט די שנאַוצע, דו קליינער דרעקזאַק! ווען איך זאָגע טאָט, דאַן איז ער טאָט!"

מיר זענען געבליבן ליגן בײַ איטשען אַ גאַנצע נאַכט און געווישט דאָס בלוט, וואָס איז אים גערונען פֿון קאָפּ, פֿון דער נאָז, פֿון מויל. אין דער פֿרי איז שוין איטשע געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און מער נישט געאָטעמט. כ'האָב אַרויפֿגעלייגט מײַן האַנט אויף זײַן פּנים און אים פֿאַרשלאָסן די אויגן אויף אייביק. מײַנע ליפּן האָבן געשעפּשעט: "יתגדל ויתקדש שמה רבא..."